ב"ה

# טעראַפּי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאָנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 80

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## ווי אזוי מאך איך אז מיין ארבעט מיט די בחורים זאל נישט גיין לאיבוד?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך בין א מגיד שיעור אין א ישיבה קטנה די צווייטע כיתה, און איך בין ברוך ה' זייער שטארק מצליח מיט די בחורים, ביי מיר איז נישט דא א זאך אז א בחור פאלגט נישט, די בחורים ווייסן אז ביי מיר איז נישטא קיין, חכמות יעדער שטייט אויף פארטאגס און שטעלט זיך צו די זמני הלימוד, און מ'קומט אן זייער אסאך יעדע זמן.*

*פארטאגס לערנען מיר שלחן ערוך, פארמיטאג לערנען מיר גמרא בעיון, נאכמיטאג לערנט מען שיעור פשוט, און ביים נאכט סדר לערנט מען ספרי חסידות.*

*וואס ס'שטערט מיך איז אז ווען די בחורים גייען אריין אין ישיבה גדולה, וואס דארט איז נישטא אזא שטרענגע מסגרת, ווערן זיי נאכגעלאזט, און נאכדעם פאלן זיי אראפ און מיין גאנצע ארבעט גייט לאיבוד. איך ווייס נישט פארוואס די היינטיגע ישיבות זענען אזוי נאכגעלאזט, און פארוואס אזוי סאך בחורים פאלן אוועק, אפשר אז איר רעדט אסאך צו בחורים ווייסט איר דער תירוץ אויף דעם?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת ויצא, ז' כסליו, שנת תשפ"א לפרט קטן

לכבוד הרב ... שליט"א. איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

**רעדן פון זאכן וואס איז נוגע פאר זייער גאנץ לעבן**

רעדט צו אייערע תלמידים פון זאכן וואס איז נוגע פאר זייער גאנץ לעבן וועט איר נישט ווערן אנטוישט; אז מען לייגט א דגוש אויף זאכן וואס איז נישט וויכטיג און עס וועט סיי ווי נישט אנהאלטן - איז א שאד די ארבעט.

לייגט אריין אין זיי א ליבשאפט צו מצוות ומעשים טובים, א ליבשאפט צו אנטון תפילין און א ליבשאפט צו היטן שבת, וועלן זיי זייער גאנץ לעבן לייגן תפילין און היטן שבת.

אז מען לייגט א דגוש אויף עסן מיט א הוט, אדער גיין א גאנצן טאג מיט א גארטל וכדומה לזה - כל זמן די בחורים זענען יונג פאלגן זיי, אבער שפעטער בלייבט נישט פון דעם קיין שפיר.

**נישט מאכן פון טפל עיקר און פון עיקר טפל**

איך מיש זיך נישט ווי אזוי איר זאלט מחנך זיין אייערע תלמידים, יעדע פלאץ האט זיך זייערע מנהגים, אלע מנהגים זענען חשוב און טייער אבער מען קען נישט מאכן פון טפל עיקר און פון עיקר טפל; דער עיקר דארף בלייבן עיקר, דער עיקר איז רעדן פונעם אייבערשטן.

טאג און נאכט דארפן מלמדים און מגידי שיעורים רעדן פון אמונה, פשוט'ע אמונה, אן קיין חכמות און אן קיין תורות; **אריין ברענגען אין די תלמידים א ליבשאפט צו טון דעם ווילן פונעם אייבערשטן**, מחשיב זיין יעדע גוטע נקודה וואס מען טוט. וועט איר זען אז נישט נאר זיי וועלן נישט פאלן, זיי וועלן גיין נאר מעלה מעלה און אויסוואקסן גרויסע צדיקים.

**דערציילן אסאך מעשיות פון צדיקים**

ביינאכט ווען איר לערנט מיט זיי ספרי חסידות זאלט איר זיי דערציילן אסאך מעשיות פון צדיקים. עס איז באוואוסט אז דער הייליגער צאנזער רב זכותו יגן עלינו האט אמאל געפרעגט דעם מלמד פון זיינע קינדער צי ער לערנט מוסר מיט זיינע קינדער, האט דער מלמד געזאגט: "יא"; האט ער אים געפרעגט: "וואס פאר א מוסר ספרים לערנסטו מיט זיי?" זאגט ער: "חובות הלבבות", זאגט אים דער הייליגער צאנזער רב: "נישט דאס מיין איך צו פרעגן, איך פרעג צי דו לערנסט 'מוסר', צי דו פארציילסט זיי מעשיות פון הייליגן רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זכותו יגן עלינו און זיין ברודער דער הייליגער רבי ר' זושא זכותו יגן עלינו; ווייל מעשיות פון צדיקים פייערט אויף דאס הארץ צו זיין אן ערליכער איד.

אויך דארף מען רעדן צו בחורים אסאך חיזוק; רבי נתן האט געזאגט: **"פאר יעדע לעפל מוסר וואס מען זאגט, דארף מען געבן א גאנצע שיסל התחזקות"**; נאך האט רבי נתן געזאגט: **"התעוררות וואס קומט פון מוסר האלט נישט אן צו לאנג, ווידער התעוררות וואס קומט ארויס פון א חיזוק שמועס - דאס האלט אן א לאנגע צייט"**; ווען מען רעדט צו תלמידים, מען געבט זיי מוסר - דארף מען זיי אסאך מחזק זיין, זיי זאלן שפירן ווי דער אייבערשטער האט זיי ליב, זיי זאלן שפירן ווי דער אייבערשטער איז מיט זיי, דעמאלט וועלן זיי נישט פאלן, זיי וועלן בלייבן ערליך.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## איין מינוט בין איך גוט און איין מינוט שלעכט, וואס טוט מען?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך וויל וויסן אויב איך בין אן ערליכער איד. פון איין זייט טראכט איך אסאך פונעם אייבערשטן און פון תכלית הנצחי, אבער למעשה שפיר איך ווי א מעורב טוב ורע, וויבאלד ווען ס'קומט צו גיין אין גאס קען איך זיך נישט שטארקן אויף מיין יצר הרע, איך מוז קוקן אויף זאכן וואס מ'טאר נישט, און צו די צייט קען איך ווייטער טראכטן פונעם אייבערשטן.*

*ווי אזוי ארבעט דאס? אפשר קען דער ראש ישיבה שליט"א מיר דאס פארענטפערן?*

*יישר כח*

**לייגט אריין אין זיי א ליבשאפט צו מצוות ומעשים טובים, א ליבשאפט צו אנטון תפילין און א ליבשאפט צו היטן שבת, וועלן זיי זייער גאנץ לעבן לייגן תפילין און היטן שבת. אז מען לייגט א דגוש אויף עסן מיט א הוט, אדער גיין א גאנצן טאג מיט א גארטל וכדומה לזה - כל זמן די בחורים זענען יונג פאלגן זיי, אבער שפעטער בלייבט נישט פון דעם קיין שפיר.**

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת דברים, ג' מנחם-אב, שנת תשע"ט לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך בעט דיר זייער זאלסט זיך שטארקן מיט אלע דיינע כוחות ווייטער צו דינען דעם אייבערשטן; לאז זיך נישט צעברעכן פון די בלבולים וואס דער יצר הרע ברענגט אריין אין דיר.

### 'זיך דערהאלטן'

דער הייליגער רבי האט געזאגט (עיין קיצור ליקוטי מוהר"ן השלם, חלק א', סימן ו): "העיקר מה שקורין 'זיך דערהאלטן'"; דאס איז די גרויסקייט פון א איד, אז ער דערהאלט זיך און פרובירט צו דינען דעם אייבערשטן בתמימות ופשיטות, אפילו עס זעט אים נישט אויס ווי ער קריכט ארויס פון זיינע שלעכטע מעשים. פארקערט, עס דאכט זיך אים אז ער ווערט נאר ווייטער און ווייטער פונעם אייבערשטן - דאך גייט ער ווייטער אן מיט זיין עבודת השם; מיט תורה, תפילה ומעשים טובים.

### הייב זיך אויף

מוהרא"ש האט דערציילט אז ער האט געהערט פון א ברסלב'ער חסיד זיין סיפור התקרבות (יעדער ברסלב'ער חסיד האט זיין מעשה ווי אזוי ער איז מקורב געווארן צום הייליגן רבי'ן), אז ווען ער איז נאך געווען א בחור און עס איז אויף אים אריבער שווערע ביטערע נסיונות, ער איז געווען שבור ורצוץ - איז ער אמאל אנגעקומען אין א ברסלב'ע שטיבל אין ווארשע. פונקט ווען ער איז אריין געקומען האט ער געהערט ווי איינער זאגט פאר'ן צווייטן אויפן קול, בזה הלשון: "ברודער, ביסט אראפגעפאלן? הייב זיך אויף, דער הייליגער רבי האט געזאגט אז מען פאלט דארף מען זיך אויפהייבן"; האט דער איד דערציילט פאר מוהרא"ש: "ווען איך האב געהערט די ווערטער איז דאס אריין אין מיר מיט אזא שטארקייט, איך האב געטראכט 'דאס איז דאך ממש וואס איך דארף הערן', פאר די ווערטער האט זיך מיר געלוינט צו קומען אהער", און אזוי איז ער מקורב געווארן צום רבי'ן.

### מען דארף זיין א גרויסער עקשן

שטארק זיך ווייטער צו דינען דעם אייבערשטן און קוק נישט אויף דעם אז דו האלסט אין איין אראפפאלן. דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן מח): "וְצָרִיךְ לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם לִבְלִי לְהָנִיחַ אֶת מְקוֹמוֹ, דְּהַיְנוּ מְעַט מִקְצָת עֲבוֹדָתוֹ שֶׁהִתְחִיל - אַף אִם יַעֲבֹר עָלָיו מָה", א מענטש דארף זיין זייער א גרויסער עקשן נישט אפצולאזן זיין עבודת השם - סיי אין תורה סיי אין תפילה, "וּזְכֹר דָּבָר זֶה הֵיטֵב, כִּי תִּצְטָרֵךְ לָזֶה מְאֹד כְּשֶׁתַּתְחִיל קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", געדענק גוט וואס איך זאג דיר - זאגט דער רבי - ווייל ווען דו וועסט אנהייבן דינען דעם אייבערשטן וועסטו דאס דארפן גוט וויסן, "כִּי צָרִיךְ עַקְשָׁנוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד לִהְיוֹת חָזָק וְאַמִּיץ, לֶאֱחֹז עַצְמוֹ לַעֲמֹד עַל עָמְדוֹ", ווייל מען דארף זיין א גרויסער עקשן נישט אויפצוהערן דינען דעם אייבערשטן ווען עס גייט אריבער ספיקות און בלבולים וכו' וכו', מען דארף זיך האלטן מיט אלע כוחות; לערן דורך דעם גאנצן תורה וועסטו האבן שטארקע חיזוק.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

**דארף איך זיך אריבערציען וואוינען נעבן מיין טאטע?**
**ווי אזוי קען איך מאכן זיכער זיך צו האלטן צו מיינע קבלות?**
קוקטס ארויס אויף די קומענדיגן גליון בעז"ה!

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**